בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת ראה תשפ"א** **שבת מברכין אלול** **גליון 612 [שנה י"ג]**

**מען דארף אויסרייסן פון זיך עו"ז און זוכה זיין צו גאר הויכע מדריגות**

הֲלֹא הֵמָּה בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן אַחֲרֵי דֶּרֶךְ מְבוֹא הַשֶּׁמֶשׁ בְּאֶרֶץ הַכְּנַעֲנִי הַיֹּשֵׁב בָּעֲרָבָה מוּל הַגִּלְגָּל אֵצֶל אֵלוֹנֵי מֹרֶה: (יא ל) שטייט אין בעל הטורים: דער פסוק פאנגט אן הֲלֹא, מיט א ה', און ענדיגט מיט א ה', מֹרֶה, צו מרמז זיין די פינף ציווים וואס מען דארף טאן צו עו"ז: וְנִתַּצְתֶּם, וְשִׁבַּרְתֶּם, תִּשְׂרְפוּן, תְּגַדֵּעוּן און וְאִבַּדְתֶּם, וואס שטייט (פסוק ג') וְנִתַּצְתֶּם אֶת מִזְבְּחֹתָם וְשִׁבַּרְתֶּם אֶת מַצֵּבֹתָם וַאֲשֵׁרֵיהֶם תִּשְׂרְפוּן בָּאֵשׁ וּפְסִילֵי אֱלֹהֵיהֶם תְּגַדֵּעוּן וְאִבַּדְתֶּם אֶת שְׁמָם מִן הַמָּקוֹם הַהוּא: און עס שטייט אין דעם פסוק פינף פלעצער מְבוֹא הַשֶּׁמֶשׁ, בְּאֶרֶץ הַכְּנַעֲנִי, הַיֹּשֵׁב בָּעֲרָבָה, מוּל הַגִּלְגָּל, און אֵלוֹנֵי מֹרֶה: עכ"ד, לכאורה איז דעם בעל הטורים שווער: פארוואס רעכנט ער אויס פריערט די פינף זאכן וואס שטייט אין (יב ג') וְנִתַּצְתֶּם וכו' און נאכדעם רעכנט ער אויס די פינף זאכן וואס שטייט אין (ל יא) מְבוֹא הַשֶּׁמֶשׁ וכו' נישט אויפן סדר הפסוקים? נאר מען קען מרמז זיין אז עס זענען דא 5 מדריגות וואס א איד קען צוקומען: נפש, רוח, נשמה, חי', און יחידה. און עס שטייט אז דער מענטש וואס איז זוכה ארויסצורוימען פון זיך אלע עו"ז אפילו דקה מן הדקה, איז זוכה אז עס בלייבט נישט קיין שום טומאה אין אים, און ער איז וועט זוכה צו די 5 מדריגות, יעצט מְבוֹא הַשֶּׁמֶשׁ איז מרומז צו די נפש, וואס דאס גייט ארויף ווען מען שטארבט, בְּאֶרֶץ הַכְּנַעֲנִי, איז מרומז אויף רוח, ווייל כנען איז א לשון פון ענוה און שפלות, און עס שטייט אין אבות (פ"ה מ"ט) רוח נמוכה מיינט א עניו, הַיֹּשֵׁב בָּעֲרָבָה, מיינט נשמה, אזוי ווי עס שטייט (חגיגה דף י"ב ע"ב) דער רקיע וואס הייסט ערבות, זענען דארטן די נשמות פון צדיקים, מוּל הַגִּלְגָּל איז מרומז צו חי', ווייל עס שטייט (יחזקאל א כ) כִּי רוּחַ הַחַיָּה בָּאוֹפַנִּים, און אופן מיינט א גלגל, און אֵלוֹנֵי מֹרֶה איז מרומז אויף יחידה אזוי ווי עס שטייט (ישעי' ל כ) וְהָיוּ עֵינֶיךָ רֹאוֹת אֶת מוֹרֶיךָ, וואס דאס איז די העכסטע מדריגה, איז גוט דער סדר אין בעל הטורים: אויסצורוימען עו"ז דורך די 5 אופנים וְנִתַּצְתֶּם וכו', וועט מען זוכה זיין צו די 5 מדריגות מְבוֹא הַשֶּׁמֶשׁ וכו'.

(ישרש יעקב להרה"ק ר' יעקב יהודה מנאזארדן חתן הרה"ק ר' מענדל מוואורקא)

**מקיים זיין מצוות נאר ווייל דער אויבערשטער האט אזוי געהייסן**

רַק חֲזַק לְבִלְתִּי אֲכֹל הַדָּם כִּי הַדָּם הוּא הַנָּפֶשׁ וְלֹא תֹאכַל הַנֶּפֶשׁ עִם הַבָּשָׂר: לֹא תֹּאכְלֶנּוּ עַל הָאָרֶץ תִּשְׁפְּכֶנּוּ כַּמָּיִם: לֹא תֹּאכְלֶנּוּ לְמַעַן יִיטַב לְךָ וּלְבָנֶיךָ אַחֲרֶיךָ כִּי תַעֲשֶׂה הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי ה': (י"ב כ"ג – כ"ה) דארף מען פארשטיין פארוואס דארף די תורה שרייבן "רַק חֲזַק" ווייל עס וואלט געווען גענוג צו שרייבן רַק הַדָּם לֹא תֹאכֵלוּ, אזוי ווי עס שטייט אפאר פסוקים פריערט (טז), וואס איז דער ענין פון חיזוק דא? נאר רש"י ברענגט דָּם שֶׁנַּפְשׁוֹ שֶׁל אָדָם קָצָה מִמֶּנּוּ, הַפּוֹרֵשׁ מִמֶּנּוּ זוֹכֶה לוֹ וּלְבָנָיו אַחֲרָיו, זעהט מען אז א מענטש עקלט זיך פון עסן דם, אויב אזוי איז דאך די ציווי פון נישט עסן דם, נישט אזוי שווער צו פאלגן, אויב אזוי איז דאך שווער וואס דארף מען נאך א חיזוק אז מען זאל נישט עסן דם? נאר עס איז משמע אין רמב"ם (הל' מלכים פ"ח הי"א) אז א מצוה, אפילו די שכל זאגט אז מען דארף דאס מקיים זיין, פונדעסטוועגן איז מען מחוייב דאס צו טאן, נישט וועגן דיין שכל זאגט אזוי, נאר ווייל דער אויבערשטער האט אזוי געהייסן, וז"ל הרמב"ם "ויעשה אותן מפני שצוה בהן הקב"ה בתורה והודיענו על ידו משה רבינו" עכ"ל. ממילא דאס זאגט אונז די הייליגער תורה "רַק חֲזַק" לְבִלְתִּי אֲכֹל הַדָּם, ווען עס קומט פאר דיר די מצוה פון נישט עסן דם, זאלסטו נישט טראכטן אז עס עקלט מיר סיי ווי, דעריבער וועל איך נישט עסן די דם, נאר מען מוז טראכטן אז איך עס דאס נישט ווייל דער אויבערשטער האט אזוי געהייסן, און צו מקיים זיין דעם רצון הבורא, מיט דעם איז גוט דער פסוק, אפילו דַּם עקלט דיר, פונדעסטוועגן זאלסטו פאלגן דעם רצון הבורא, איז גוט די אויספיר לֹא תֹּאכְלֶנּוּ, פארוואס? ווייל כִּי תַעֲשֶׂה הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי ה', נאר דאס איז דער טעם פון איסור, ממילא לְמַעַן יִיטַב לְךָ וּלְבָנֶיךָ אַחֲרֶיךָ. (טל חיים ליסקא) מיט דעם איז גוט וואס רש"י ברענגט פון רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן עַזַּאי, לֹא בָא הַכָּתוּב אֶלָּא לְהַזְהִירְךָ וּלְלַמֶּדְךָ עַד כַּמָּה אַתָּה צָרִיךְ לְהִתְחַזֵּק בְּמִצְוֹת, פון איסור דם לערנען מיר ווי אזוי מען דארף זיך מחזק זיין אין אלע מצוות און זיי מקיים זיין נאר ווייל כִּי תַעֲשֶׂה הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי ה', אזוי ווי די רמב"ם זאגט, און אויב א מענטש וועט זיך צוגעוואוינען אזוי צו מקיים זיין די מצוות, ממילא קַל וָחֹמֶר לְגָזֵל וַעֲרָיוֹת שֶׁנַּפְשׁוֹ שֶׁל אָדָם מִתְאַוָּה לָהֶם, (מכות כג ע"ב) ווען עס וועט קומען צו טאן א עבירה וואס עס גלוסט זיך צו עובר זיין, דארף מען וויסן אז דער רצון הבורא איז דאס נישט צו עובר זיין, נאר כִּי תַעֲשֶׂה הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי ה', און מקיים זיין דער רצון הבורא, לְמַעַן יִיטַב לְךָ וּלְבָנֶיךָ אַחֲרֶיךָ. (שמח זבולון תשפ"א)

**עַשֵּׂר בִּשְׁבִיל שֶׁתִּתְעַשֵּׁר**

עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר אֵת כָּל תְּבוּאַת זַרְעֶךָ הַיֹּצֵא הַשָּׂדֶה שָׁנָה שָׁנָה: (יד כב) עס איז באוואוסט די גמ' (תענית דף ט ע"א) **אשכחיה ר' יוחנן לינוקא דריש לקיש**, ר' יוחנן האט געפרעגט דעם קינד פון ריש לקיש וועלכע פסוק האט ער היינט געלערנט? און ווען ער האט געענטפערט עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר האט דער קינד פארוואס שטייט עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר א דאפלטע לשון? האט אים ר' יוחנן געענטפערט עַשֵּׂר בִּשְׁבִיל שֶׁתִּתְעַשֵּׁר, געב מעשר וועסטו ווערן רייך. לכאורה איז שווער פארוואס דארף די גמ' דערציילן ווער דאס קינד איז געווען, וואס איז דער נפק"מ, זאל נאר שטיין ר' יוחנן האט געפרעגט א קינד? נאר עס איז באקאנט די גמ' (ב"מ דף פד ע"א) אז ר' יוחנן האט געזאגט פאר ריש לקיש וואס איז געווען פריערט די הויפט פון די גנבים, אז אויב ער וועט תשובה טאן און מקבל זיין צו לערנען, וועט ער אים געבן זיין שוועסטער פאר א ווייב, און ריש לקיש האט מסכים געווען און איז געווארן דער גרויסער ריש לקיש, פרעגט תוס' פארוואס האט ר' יוחנן נישט חושש געווען אז מענטשן וועלן זאגן אויף ריש לקיש אז זיין חוזר זיין איז געווען שלא לשמה נאר כדי ער זאל חתונה האבן מיט ר' יוחנן'ס שוועסטער? נאר מען זעהט פונדעסטוועגן אפילו זאל מען זאגן אז ריש לקיש האט נישט געמיינט לשמה, פונדעסטוועגן איז ער געווארן פון די גרעסטע אמוראים, קען מען יעצט פארשטיין די גמ': ר' יוחנן האט געטראפן דעם זון פון ריש לקיש וואס איז געווען זיין פלימעניק, און אים מרמז געווען אז ער זאל נישט זיין געפאלן ביי זיך אז זיין טאטע האט געמיינט שלא לשמה, ווייל איך וועל די ברענגען א ראי' פון די תורה, אז דאס איז נישט קיין חסרון, און די ראי' איז פון פסוק עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר, עַשֵּׂר בִּשְׁבִיל שֶׁתִּתְעַשֵּׁר, וואס די הייליגע תורה זאגט א איד זאל געבן מעשר אפילו ער וויל ווערן רייך דורכדעם, וואס דאס איז שלא לשמה, פונדעסטוועגן זאל מען דאס טאן, דעריבער האט דיין טאטע גוט געטאן, ווייל ער איז געווארן א גרויסע מענטש. (תבואות אדמה הרה"ג ר' אלטער משה אהרן הלוי אב"ד דאמבראווא גורני בעהמ"ח ספר נר למאה)

## מדור העובדות

## דער הייליגער טשארטקובער רבי צוברעכט די הארץ פון א שטאלצער אפיקורס צו תשובה טאן

א גרופע פון חסידים זענען געפארן מיטן באן צום הייליגן צדיק ר' דוד משה מטשארטקוב זצוק"ל דער פיפטער זון פון הייליגן ריזינער, הרה"ק ר' ישראל זצוק"ל, צו זיין ביי אים אויף שבת, אונטערוועגנ'ס זענען די חסידים געווארן פריילאך אז זיי פארן צום צדיק, און מען האט געזאגט אז מען זאל טרינקען א לחיים אבער די ארימקייט איז געווען זייער גרויס און זיי האבן נישט געהאט געלט אויף צו קויפן בראנפן האבן זיי גענומען וואסער און געטרונקען לחיים אויף דעם, און זיך געוואונטשן איינעם דעם צווייטן לחיים. די חסידים זענען געווארן דערהויבן פון דעם לחיים.

אין יענע באן איז געווען א איד וואס איז געווען א אפיקורס און האט צו געזען ווי די יונגע חסידים זענען אזוי ארעם אבער זענען זייער פריילאך, און די קנאה האט אין אים געברענט און האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און ער איז צו געגאנגען צו זיי און געפרעגט פארוואס זענען זיי אזוי פריילאך? האבן זיי געענטפערט אז זיי פארן צו זייער הייליגן רבין אין טשארטקוב. און ער האט אפגעלאכט פון זייער אידישקייט און געטשעפעט די חסידים אז זיי פארן צו א רבין און זענען מדקדק במצוות אבער זיי זענען זייער ארעם אז אפילו א ביסל בראנפן קענען זיי נישט קויפן, אבער ער אליין היט גארנישט, נישט שמירת שבת און נישט כשרות, און פונדעסטוועגן איז ער זייער רייך, און ער האט געמאכט ליצנות פון די יונגע חסידים מיט נישט שיינע ווערטער ביז איינער פון די חסידים האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און געזאגט דעם אפיקורס אז אויב ער וועט קומען צום רבין און הערן ווי ער זאגט דעם בְּרִיךְ שְׁמֵיהּ מיט אזא זיסקייט און דביקות, וועט ער זיכער תשובה טאן!

פרעגט אים דער אפיקורס מיט וואס ביזטו אזוי זיכער? האט דער חסיד געענטפערט איך וועל דיר אוועקגעבן מיין טלית און תפילין אויב דו וועסט נישט תשובה טאן! די חסידים האבן אים אנגעשריגן ווי אזוי נעמסטו זיך אן אזא פארשלאג, וועסטו דען קענען קויפן אנדערע טלית און תפילין אויב חלילה דער אפיקורס וועט נישט נתעורר ווערן? אבער דער חסיד גלויבט באמונה שלימה אז דעם רבינ'ס בְּרִיךְ שְׁמֵיהּ וועט עפענען דאס האַרץ אפילו פון דער פארווארפענער איד און האלט אן דעם געשעפט.

דער אפיקורס האט געזאגט גוט! איך בין מסכים צו גיין מיט אייך קיין טשארטקוב אויף שבת און זיי זענען געפארן מיט אים, דעם גאנצע וועג האט ער געמאכט ליצנות פון די חסידים און פון רבין. און זיך געהאלטן שטאלץ אז גארנישט וועט אים ברעכן און ברענגען צו תשובה טאן. צום סוף זענען זיי אנגעקומען קיין טשארטקוב. די חסידים זענען גלייך געגאנגען געבן שלום פארן רבין און איינער פון די חסידים האט דערציילט דעם רבין וועגן דעם אפיקורס וואס זיי האבן מיט געברענגט און אז איינער פון די חסידים האט געגעבן ערבות זיין טלית און תפילין אז דעם רבינ'ס בְּרִיךְ שְׁמֵיהּ וועט צוברעכן דעם איד'ס שטייפענע הארץ, און חלילה אויב עס וועט נישט העלפן, וועט דער חסיד נישט האבן קיין טלית און תפילין.

האט דער רבי זיי געזאגט אז זיי האבן זיך נישט וואס צו זארגן און מיט דעם אויבערשטנ'ס הילף וועט דער איד קומען בעטן א וועג צו תשובה. די חסידים זענען געווען פריילאך צו הערן די קלארע רייד פון צדיק און זענען געווארן בארוהיגט און געגאנגען אין שול און געטרונקען א לחיים מיט בראנפן און זיך געוואונטשן אז זיי זאלן האבן די זכיה אז דורך זיי וועט א איד תשובה טאן.

שבת אינדערפרי קומט אריין אין שול דער אפיקורס און זעצט זיך לעבן זיין נייע באקאנטע אוןווארט ביז דער רבי וועט גיין פתיחת הארון און זאגן בְּרִיךְ שְׁמֵיהּ. עס איז אנגעקומען און דער רבי בהדרת קדשו עפענט דעם ארון הקודש און עס נעמט זיך גיסן טרערן פון רבין וואס בעט דעם אויבערשטן פארן כלל און פארן פרט זייענדיג א עת רצון און די חסידים נעמען זיך וויינען און מקבל הייליגע קבלות, און ווען דער רבי הויבט אן בְּרִיךְ שְׁמֵיהּ מיט אזא נעימות ווארט ביי ווארט איז דער עולם אריין אין א אנדערע וועלט פון תשובה און העכערקייט.

די חסידים האבן אינגאנצן פארגעסן פון דעם אפיקורס וואס איז געקומען מיט זיי חוץ דער יונגערמאן וואס האט געגעבן ערבות זיין טלית און תפילין, ער האט נישט געהאט מנוחת הנפש און ער האט געקוקט די גאנצע צייט אויפן אפיקורס און קען נישט גלויבן, ער איז א שטיין!! ער לאכט אפ פון די גאנצע סטענזי', אוי וויי!! מיין טלית און תפילין!!

די בכיות פון רבין ווערט האסטיגער און ער זאגט ווייטער ווארט ביי ווארט און דער אפיקורס איז נאך א שטיין. אבער ווען דער רבי איז אנגעקומען צו יְהֵא רַעֲוָא קֳדָמָךְ דְּתִפְתַּח לִבָּאִי בְּאוֹרַיְתָא, האט דער רבי דאס איבער געחזר'ט עטליכע מאל מיט א זיסקייט, ווען פלוצלינג נעמט זיך דער אפיקורס וויינען און לויפט ארום אין שול און שרייט "אוי איך וויל תשובה טאן"!! ביז דער רבי איז צוגעגאנגען צו אים און געזאגט אז נאך שבת וועט ער אים ווייזן א וועג פון תשובה, און דער איד איז אין איין מינוט געווארן ווייך און צוריק געגאנגען צו זיין פלאץ און געעפנט א סידור און מיט געהאלטן דעם דאווענען און געפראוועט דעם שבת מיטן עולם. נאך שבת איז ער אריין צום רבין און זיך פארשלאסן אויף עטליכע שעה און דער רבי האט אים געמאכט א אמת'ע בעל תשובה און דער רבי האט אים געוויזן א וועג וואס צו טאן און אזוי וועט ער האבן א תיקון.

ווען די חסידים האבן זיך געזעגנט פון רבין האט דער רבי זיך אנגערופן אז באמת איז געווען זייער שווער צו עפענען זיין הארץ וואס איז געווען פול מיט אזויפיל עבירות, האב איך געזוכט עפעס א קדושה אין אים כדי אנצינדן א פייער. ביז איך האב געזען אז ער האט אמאל געגעסן טשאלנט ביי א איד, שבת, און דער איד האט געהייסן אז אלע מוזן זאגן ווען זיי עסן, אז עס זאל זיין לכבוד שבת קודש. און דער קדושה איז געווען גענוג כדי אים אנצוצינדן. האט דער צדיק געטייטשט דאס איז מרומז אין די זמירות לשבת: מְעַנֶּג נַפְשׁוֹ בּוֹ סוֹפוֹ לִשְׁאֵרִית, מְעַנֶּג נַפְשׁוֹ, דער וואס זאגט ביים עסן "לכבוד שבת קודש", סוֹפוֹ, וועט די ענדע זיין, לִשְׁאֵרִית, א לשון פון ראטעווען, אז זיין נשמה וועט ער ראטעווען דורך מענג זיין דעם שבת. דער בעל תשובה האט יעצט גערונגען א וואגן כדי אהיים צונעמען די חסידים און ער האט זיי געגעבן צדה לדרך זיע"א. (רשומים בשמיך)

שטייט פון צדיקים אז יעדער איד ווי ווייט ער איז פארקראכן, האט ער נאך אין זיך א ניצוץ פון קדושה אבער עס איז שטארק באדעקט, און ווען דער ניצוץ וועט זיך אנגעצונדען, וועט ער זיך צוריק קערן צו תשובה. ממילא איז קיינער נישט פארפאלן, ווייל אין איין מינוט קען מען ווערן א עהרליכער איד.

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לאלפי ספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- עס איז א שיינע מתנה

גמ' עם הגהות הרה"צ ר' אליעזר פיש מהאדאס, בריוו פון צמח צדיק מוויזניץ, הבעקעטשע של ר' יענקעלע עם אישור, סעט שדה חמד גדול דפוס נו"י $300 החסידות אהרן מרכוס $100, סידור הבעש"ט $75, טשעק של האדמו"ר מסקולען ר' ישראל אברהם זצוק"ל $750. טשעקים חתומים שנתנו להגה"ק מטשימפא לחלק לצדקה $300 כ"א, מכתב הגה"ק ר' משה אריה פריינד עם הגה"צ ר' רפאל סאלאוויטשיק $900, צוויי ספרים אויף ר' יצחק אלחנן געדרוקט דורך ר' יעקב ליפשיץ ווארשא תרנ"ז וואס האבן באלאנגט צו הגה"צ ר' אביגדור מיללער $800, ספר שערי חיים וואס הרה"ק ר' דוד יהודה פריינד פון סאסרעגען האט געגעבן צום קראסנא רב א מתנה און ער האט געחתמ'ט $750, אות חיים ושלום מונקאטש עם הגהות הגאון ר' פינחס כ"ץ $800, ספר קיצור ראשית חכמה עם הקדשה ארוכה מהגה"צ ר' יחזקאל שרגא מערץ, 6 ספרי ראזדין דפו"ר בית יעקב ויקרא, דברים, סוד ישרים ג שנים, תפארת החנוכי $3000, לקוטי מהרי"א שמות ודברים $1500, צמח צדיק וויזניק ג' חלקים דפו"ר $800. ספר פרקי דרבי אליעזר עם כמה חתימות הרה"ק ר' חיים שלמה מקאסאן, ספר חסידים באזיל שמ"א, ספר יד שאול על הל' שבועות דפו"ר עם הגהות הגאון ר' גרשון ליטש סג"ל רוזנבוים בעל משיב דברים, בריוון פון מרחשת, דברי מלכיאל, דער תפארת איש מנאוואמינסק, ר' שמעון שקאפ, ר' פסח פרוסקין, מהרה"ק מהוסיאטין, מהרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראוואצא, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר' הענקין, און נאך מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און אויך אלטע געלט 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 2:00, To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday check our website *WWW.SEFORIMWORLD.COM*